ת"ת תורה ויראה
דרב"י סאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתפ"ח
במדבר - חג השבועות
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז' תס) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' יעקב עקיבא ווײנשטאק הי"ו** משב"ק

## חייב אדם לטהר עצמו ברגל

איך האב זוכה געווען לשרת בקודש פנימה ביי **כ"ק מרן רביה"ק** זלה"ה במשך פיר יאר כולם שוים לטובה, אנגעהויבן פון זומער תש"כ אין שעראן ספרינגס, ביז זומער תשכ"ד.

בנוגע וואס איז אויפגעברענגט געווארן דאס ענין פונעם רבי'נס גיין אין מקוה בערבי שבתות וימים טובים, און זיך עקסטער ארומוואשן, וועל איך דערציילן דברים כהווייתן.

מידי יום ביומו און אויך ערב שבת פלעגט זיך דער רבי נאר טובל'ן, און זיך קיינמאל נישט וואשן מיט זייף. אבער יעדן ערב יו"ט - שלש רגלים, ערב ר"ה און יום הקדוש - האט דער רבי מקיים געווען דעם 'חייב אדם לטהר עצמו ברגל' (צו זיין ריין פון יעדע חציצה), און בעפאר דער רבי האט זיך גע'טובל'ט אין מקוה האט מען צוגעגרייט א ווארימע 'ביטל' (וואנע) וואו דער רבי האט זיך ארומגעוואשן, און בעפאר האט ער אויסגעקעמט די בארד און די פיאות, און נאכדעם איז ער געגאנגען אין מקוה.

ארויסקומענדיג האט ער זיך געוואשן די הענט, און נאכאמאל גענומען דאס קעמל און ארויפגעדרייט די פיאות אויפן שטערן, פרובירנדיג דאס צו קרייזלן, און נאכדעם זיך נאכאמאל געוואשן די הענט. דאס איז געווען יעדן ערב יום טוב.

ז' תסא) עס האט דערציילט אונזער זיידע
**הגה"ח רבי פינחס חיים רובינפעלד ז"ל** מח"ס עטרת השולחן

## ושאל לפניו במשפט האורים

מיין חתונה איז געווען אור ליום ב' דר"ח אלול שנת תשכ"ז.

פאר די חתונה בין איך געפארן קיין שעראן ספרינגס צו נעמען ברכת הקודש פון **כ"ק מרן רביה"ק** זי"ע. און איך האב זיך פארגעברייט עטליכע שאלות וואס איך האב געוואלט פרעגן דעם רבי'ן לקראת די חתונה.

באמת איז ביי די בחורים אין ישיבה געווען א מורא'דיגע פחד שטייענדיג במחיצת הקודש, און מיר האבן זיך נישט געטרויעט צו פרעגן שאלות פונעם רבי'ן. נאר וויבאלד ביי מיין שידוך האט מיר דער רבי ארויסגעוויזן גרויס קרבות - היות מיין שווער הרה"ח בנש"ק ר' פישל פריעדמאן ז"ל איז דאך געווען א אייניקל פונעם **ייטב לב** זלה"ה - האב איך געשפירט לייכטער לגשת אל הקודש, און איך האב זיך צוגעגרייט צו פרעגן עטליכע שאלות.

דער רבי האט מיר געענטפערט אויף אלע שאלות מיט א שטארקע קרבות און צהלת פנים.

א. די ערשטע שאלה האב איך געפרעגט היות די חתונה וועט זיין 'ראש חודש', ווען זאל זיך די כלה שערן?

האט דער רבי געזאגט **"נאך ראש חודש, מ'זאל אכטונג געבן אז במשכ'ן טאג נאך די חתונה זאל די האר זיין גוט פארדעקט"**.

ב. צווייטנס, היות די יום החופה איז ראש חודש ווען מ'טאר נישט פאסטן, צי איך זאל מקדים זיין און פאסטן א טאג פריער.

האט דער רבי געזאגט אז **"ניין, מ'דארף בכלל נישט פאסטן"**. (עס זענען געווען אנדערע חתנים, וועמען דער רבי האט יא געזאגט אז עס איז כדאי צו פאסטן א טאג פריער).

ג. בתוך הדברים איז דערמאנט געווארן וועגן תפלת מנחה ביום החופה וואס דער חתן דאווענט ביחידות, האב איך געפרעגט, צי אפשר איז דער טעם אז ער דאווענט ביחידות כדי ער זאל נישט מונע זיין דעם ציבור פון זאגן תחנון. (ע"ד שכתב הטו"ז סי' קל"א סק"י שהחתן ימנע מלבוא לביהכ"נ מטעם זה). האט דער רבי געענטפערט **"מ'הייסט נישט קיין 'חתן', נאר הערשט נאכן גיין אונטער די חופה"**. (כ"כ בדרך החיים, ועי' במשנ"ב סי' קלא סקכ"א).

ד. איך בין געווען מסופק צי איך זאל זיך אנטון צו די חתונה ווייסע זאקן, היות מיין פאטער און שווער זענען נישט געגאנגען אזוי.

האט דער רבי געענטפערט **"עס איז א שיינע חסיד'ישער לבוש"**.

ה. דערויף האב איך געפרעגט צי אויב די בני בית וועט גיין מיט א 'פריזעט', איז א חילוק צו די פריזעט איז פון 'פעל' (סינטעטיש), אדער פון האר?

האט דער רבי געענטפערט **"דאס ענין** (די קאפ-צודעק ביי נשים) **איז סאך מער ווי ווייסע זאקן... דאס איז א יסוד אין אידישקייט"... דער עיקר אז ס'זאל נישט זיין "געדריוועלט"** (היינו כשיטת הדברי חיים ז"ל שיהי' חתיכת בד ולא של שערות כלל). דער רבי האט דאס איבער געזאגט א 2-3 מאל.

ו. דערויף האב איך דערציילט דעם רבי'ן אז איך בין 'שולט בשתי ידים', און דער **צעהלים'ער רב** האט מיר געהייסן לייגן תפילין אויף די לינקע האנט, און נאכן דאווענען איבערלייענען די ד' פרשיות מיט די תפילין אויף די רעכטע האנט.

האט דער רבי געזאגט **"ס'איז א גלייכע זאך"**. (כן מבאר רבינו גם בשו"ת דברי יואל (סי' ב, וסי' ג אות ו) דגם איטר גמור יניח אחר התפלה ביד שמאל, וכדעת האריז"ל).

האב איך געפרעגט "איז גענוג אז מ'זאל אנטון נאר דעם 'של יד' אנעם 'של ראש'?.

האט דער רבי געזאגט אז ניין **"של יד אליינס איז גארנישט, נאר לייג אויך דעם של ראש"**.

האב איך איבערגעפרעגט "און וואס זאל איך טוהן לגבי תפילין דרבינו תם?", האט דער רבי געזאגט **"אזוי ווייט ברויך מען שוין נישט"**.

ז. דערויף האב איך געפרעגט דעם רבי'נס מיינונג איבער גיין מיט די ב"ב אינאיינעם אויף די גאס. האט דער רבי געזאגט **"עס איז טאקע נישט קיין שיינע זאך, אבער נאר אויב מען קען..."** (דהיינו, אז מ'דארף זעהן בהשכל ובדעת צי מ'קען דאס פועל'ן אין שטוב).

ח. אויך האב איך געפרעגט אויב עס איז כדאי אויסצוגעבן עקסטער געלט צו פארן מיט א טעקסי, כדי נישט צו פארן מיט א טרעין, וואס איז מער פריצות'דיג. האט דער רבי געענטפערט **"און וויפיל געלט גיט מען אויס פאר לוקסוס"...**

איידער איך בין ארויסגעגאנגען מן הקודש, האט דער רבי געוואלט שיקן מיט מיר די גליונות פון ספה"ק **על הגאולה ועל התמורה**, וואס ער האט געהאלטן אינמיטן מגיה זיין, אז איך זאל דאס איבערגעבן פארן דרוקער הרה"ח ר' סענדר דייטש ז"ל.

האב איך געהערט ווי דער רבי זאגט פאר די מקורבים: **"אויב קוקט מען דאס נישט גוט אדורך איז נישט ווערט די גאנצע זאך"...** (לע"נ הגה"ח רבי פנחס חיים ב"ר נפתלי הלוי, היאצ"ט ביום ב' דחג השבועות)

ז' תסב) עס האט דערציילט אונזער רבי
**הרב החסיד ר' עקיבא צבי גאנץ ז"ל**

## דער בית המדרש הגדול אין קרית יואל, א מקום קיבול תפילות

ס'איז באקאנט, אז דער **רבי** ז"ל איז דא געבליבן אויף יום הקדוש תשל"ח. דעמאלטס איז געווען די מעשה, א זקן פון וויליאמסבורג (הרה"ח ר' נפתלי הירצקא יאקאבאוויטש ז"ל) איז געקומען זיך דא געזעגענען ביים רבי'ן, און ער האט געזאגט: "רבי, דער רבי קומט אלץ אריין אויף יו"ט, און יעצט בלייבט דער רבי אויף יום הקדוש אין שטעטל, און וואס וועלן זאגן די זקנים, מ'וועט זיך שלעפן דא אהער קיין קרית יואל?!".

דער רבי ז"ל האט א זאג געגעבן: **"און איך?!"**... - ווי איינער זאגט 'עטץ זענטס זקנים, און וואס בין איך?!'...

דעמאלטס האט הרה"ח ר' עזריאל גליק ע"ה משב"ק דערציילט פאר יענעם זקן די מעשה, אז ווען מ'האט געבויעט די שוהל - דעמאלטס איז שוין געווען דאס גרויסע ביהמ"ד - איז מען שוין פארטיג געווען מיט'ן קאנטראקט מיט אלעמען, און מ'האט געווארט שטילערהייט, דער עולם זאל נישט וויסן, נאר ממש די פאר שטוב-מענטשן זאלן וויסן, אז מ'גייט מאכן דעם הנחת אבן הפינה.

ס'איז געווען אפגעשמועסט אויף א געוויסן טאג אום 12 אזייגער וועט זיין דער הנחת אבן הפינה. ס'איז געקומען די צייט, האט דער רבי ז"ל געזאגט אז ער האט נישט קיין כח, ער גייט נישט. האט מען עס אוועקגעלייגט אויף מארגן.

מארגן, איז ווייטער געקומען די צייט מ'זאל גיין, זאגט דער רבי אז ער קען נישט.

דעם דריטן טאג האט ווייטער אפגעשטופט נאך א טאג, דער קאנטראקטאר איז געשטאנען, און די ארבייטער שטייען, און דא רוקט מען זיך נישט.

לעילוי נשמת הרה"ח ר' **יעקב יהושע** ב"ר **ברוך** ז"ל (ווערצבערגער) • היארצייט ב' סיון • נתנדב ע"י בנו הרה"ח ר' **חיים אלעזר** הי"ו

האט דער רבי ז״ל געזאגט פאר ר׳ עזריאל ״קום אהער, איך וועל דיך מאכן פאר שליח, איך וועל דיר געבן די זילבערנע קוואדערס - מ׳האט אריינגעלייגט זילבערנע געלט אינעם יסוד - גיי דו, און דו וועסט זיין מיין שליח, אזוי ווי איך וואלט ווען געגאנגען״.

**״זאלסטו זאגן דארטן, אז ס׳וועט זיין אנגענומען אזוי ווי תפלת שלמה המלך, אז די אלע וואס וועלן קומען דאווענען דא, זאלן אנגענומען ווערן זייערע תפלות, און אפילו א נכרי א פרעמדער וואס קומט דא דאווענען, זאל אנגענומען ווערן זייערע תפלות״...**

״מאך איך דיך פאר א שליח, גיי דו אנשטאט מיר, מ׳זאל נישט ברויכן ווארטן, גיי דו, איך מאך דיך פאר א שליח״.

האט ר׳ עזריאל דאס דערציילט און אויסגעפירט פאר׳ן זקן: **״נו, איז כדאי צו קומען אין דעם ביהמ״ד צום דאווענען?!״**

דעמאלטס יום הקדוש האט מען געשאצט, אין דעם קליינעם קרית יואל, וואס ס׳איז דעמאלטס נאכנישט געווען קיין גרויסער עולם, איך געדענק נישט וויפיל, האט מען געשאצט יום הקדוש אז ס׳איז געווען זיבן טויזנט מענטשן.

איך האב געהאט 21 אידן וואס האבן געגעסן ביי מיר ער ב יום הקדוש די צווייטע סעודה, און געשלאפן דא אויף א ׳פאום׳. 21 געסט האב איך געהאט, יעדער האט געהאט געסט. (לעילוי נשמת הרה״ח ר׳ עקיבא צבי ב״ר ברוך יודא ז״ל, היארצייט ד׳ סיון).

ז׳ תסג) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ג ר׳ אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט״א**

## כאילו הקרבנו הקרבנות בזמנו וכהלכתו...

איך האב געהערט פון דו״ז **הרה״ח ר׳ מאיר וואלף גאלדשטיין** ע״ה, אז אין די אנהויב פון די שווערע קריגס צייטן האט ער געוואוינט אין מאקאווא, און ער האט געדארפט אנטלויפן. אויפן וועג איז ער געווען אין סיגעט, איז ער איינגעשטאנען ביים רב **כ״ק הגה״צ רבי זלמן לייב טייטלבוים זצ״ל הי״ד**.

האט ער דערציילט עס איז געווען פרשת ויקרא, און ער האט געזעהן ווי דער רב איז מעביר סדרה, און בשעת ער האט געליינט די סדר הקרבנות האט ער געוויינט מיט בכיות נוראות, עס איז געווען ניכר אז ער פאראַרבעט די א גרויסע עבודה בשעת׳ן ליינען די פרשה פון די קרבנות וואס מ׳האט מקריב געווען פארן אייבערשטן.

ז׳ תסד) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ח ר׳ יושע מענדלאוויטש שליט״א**

מטב״ק

## בצלו ישבתי ופריו מתוק לחכי (ה׳)

(המשך ענינים וואס איך האב געפרעגט פון כ״ק מרן רביה״ק זלה״ה אויף א פריוואטן אופן).

ב. כ׳האב געפרעגט דעם רבי׳ן, היות מיר ווילן צולייגן נאך א שיעור אויסער די שיעורי הישיבה, וואס זאל מען לערנען.

דער רבי האט געוואלט זיכער מאכן אז מ׳רעדט נישט פון מאכן אייגענע שיעורים אויפן חשבון פון די שיעורי הישיבה, האט ער געענטפערט בנעימות ״איך וועל דיר קודם מסביר זיין וואס דו פרעגסט, ווען הייבט מען אן צופרי צו לערנען אין ישיבה?״. האב איך געענטפערט ׳זעקס אזייגער׳.

זאגט דער רבי ״הייסט עס אז זעקס אזייגער דארף מען שוין לערנען... ביז ווען איז דער זמן הישיבה צו לערנען ביינאכט?!״, האב איך געזאגט ׳10 אזייגער׳.

זאגט דער רבי ״הייסט עס אז ביז 10 ביינאכט דארף מען נאך לערנען...״

האט דער רבי ממשיך געווען בנועם דיבוריו ״יעצט אויב דארף מען שוין לערנען זעקס אזייגער, דארף מען דאך אויפשטיין לכה״פ פינף אזייגער, ווייל עס נעמט דאך צייט ביז מ׳קומט אין בית המדרש, מ׳גייט אין מקוה און הכנות, מ׳קען נישט גלייך פון אויפשטיין אנהייבן לערנען, דאס זעלבע ביינאכט אז מ׳לערנט ביז צען אזייגער, דארף מען נאך אהיימגיין, מ׳איז עפעס טועם, מ׳גייט נישט גלייך שלאפן, קומט אויס אז ס׳נעמט כאטש ביז עלף אזייגער זיך צו קענען לייגן.

״קומט אויס איז דיין שאלה אויב דו זאלסט אויפשטיין א שעה פריער, אום 4 אזייגער, אדער דו זאלסט זיך לייגן 12 אזייגער, דאס איז דיין שאלה״.

״אויף דעם - האט דער רבי אויסגעפירט - קען מען נישט זאגן קיין כלל, ווייל עס איז תלוי אין תכונת הנפש פון יעדן מענטש באזונדער, ס׳איז דא מענטשן וואס ביינאכט שלאפן זיין איין און קענען נישט לערנען, פאר זיי איז בעסער צו לערנען אינדערפרי, ווידער איז דא מענטשן וואס קענען שווער אויפשטיין, פאר זיי איז בעסער צו לערנען ביינאכט. דארף יעדער זעהן וואס איז מער צוגעפאסט פאר אים״...

האב איך געפרעגט, וועלכע לימוד איז מער כדאי צו לערנען אין די עקסטערע שעה, גמרא אדער שלחן ערוך?

דער רבי האט מיר פונקטליך אויסגעפרעגט די זמנים און די שיעורים, וואס מ׳לערנט פארטאגס, וואס מ׳לערנט פארמיטאג, וואס מ׳לערנט נאכמיטאג, און וואס מ׳לערנט ביי נאכט סדר, ס׳האט זיך באמערקט אז דער רבי וויל זיין זיכער אז איך וויל נישט מאכן נייע סדרים קעגן דעם סדר וואס די הנהלה שרייבט פאר.

נאכדעם וואס כ׳האב אלעס געענטפערט, האט דער רבי געזאגט: **לערן ׳הלכה למעשה׳ שולחן ערוך אורח חיים.**

ז׳ תסה) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ח ר׳ פנחס שפירא הי״ו**

## לב יודע מרת נפשו

עס איז געווען בערך שנת תשע״ד ווען איך בין געווען אויף זומער אין שווייץ ביי מו״ר **כ״ק הגאון האדיר בעל שבט הלוי** ז״ל, און מיט אונז איז דארט אויך געווען אבדלחט״א ידידי הרה״ח ר׳ אברהם יושע הלוי ווערצבערגער ע״ה לאנג-יעריגער משמש פון ביהמ״ד הגדול אין קרית יואל.

אין איינע פון די טעג האט מיך ר׳ אברהם יושע געבעטן אז ער וויל באקומען א ברכה פונעם פוסק הדור, און ער האט מיך געבעטן אז איך זאל אים דאס מסדר זיין, האב איך אים מייעץ געווען אז ער זאל אפווארטן דעם רב ווען ער ענדיגט לערנען און ער גייט ארויס צום שפאציר, און דעמאלטס וועט ער קענען באקומען א ברכה.

וכך הוה, ר׳ אברהם יושע האט אפגעווארט דעם רב ז״ל מיט זיין ב״ב תחי׳, עס איז געווען א פלא ווי דער רב האט זיך אויסגעדרייט צום ריכטונג פון זיין ב״ב און איר געגעבן א ברכה בלשון פרטי ״איר זאלט זוכה זיין צו אריכות ימים און אסאך נחת״...

עס איז געווען שטארק אויפמערקזאם דער אופן ווי אזוי דער רב האט געגעבן די ברכה. אן ר׳ אברהם יושע האט מיר געבעטן אז ער וויל נאכאמאל טרעפן דעם רב און באקומען א ברכה כדי נישט צו בלייבן אויף דעם אופן. אבער לא איסתייע מילתא.

ליידער, א קורצע צייט דערויף איז ר׳ אברהם יושע נישט געזונט געווארן, און ער איז נפטר געווארן כ״ד אייר תשע״ח, יהא זכרו ברוך.




ז׳ תסו) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה״ח ר׳ שלום אליעזר פראנקעל הי״ו** גזבר דקהלתינו הק׳

## ברכינו אבינו, טאטע בענטש מיך

עס האט מיר דערציילט א איד וואס איז געווען ביי **הרה״ק רבי יענקעלע מפשעווארסק** ז״ל און ער האט זייער מפציר געווען פאר א ישועה, און ער האט נאר געוואלט אז דער רבי זאל צוזאגן. און רבי יענקעלע פלעגט זיך אלס ארויסדרייען פון געבן הבטחות אויף ישועות.

ביז רבי יענקעלע האט אים געזאגט ״הער מיך צו, א טאטע האט זייער ליב א קינד, ווען א קינד זאגט פאר א טאטן ״בענטש מיך״, באקומט דער טאטע שטארקע הרגשים, ער ווערט מלא הנאה אז דאס קינד בעט זיך צו זיין ברכה, און ער בענטשט דאס קינד מיטן גאנצן הארץ, אויב ווילסטו באקומען א ברכה פון הימל, ווען דו זאגסט ביי שמונה עשרה **״ברכינו אבינו כולנו כאחד״** לייג צו קאפ און האב אינזינען **״טאטע בענטש מיך״**... דאס איז א זיכערע הבטחה אז דו וועסט זוכה זיין צו א ברכה מן השמים און דער רבש״ע וועט דיך בענטשן״.